בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת צו תשע"ח | שבת הגדול | גליון 450 [שנה י']

**פארוואס הייסט דאס שבת הגדול?**

שטייט אין ספר אַבוּדִרְהַם לכך נקרא שבת הגדול כי ביום עשירי בניסן, שַׁבָּת ראשונה שנכנסו ישראל למצוות עכ"ל. קומט אויס לויט דעם: ווען א איד גייט אריין אין א חיוב פון א מצוה הייסט ער א גדול, ממילא זאגן די מפרשים אז א בחור וואס האט בר מצוה הייסט ער א גדול אויך וועגן דער טעם, ווייל יעצט גייט ער אריין אין די חיוב פון טאן מצוות. (המו"ל)

**וואס מיינט העולה קודש קדשים?**

זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה: (ו ב) שטייט (זבחים פ"ה) "העולה קודש קדשים", צו פארשטיין וואס איז דער ענין פון עולה קודש קדשים? נאר די קרבן עולה איז מכפר אויף שלעכטע מחשבות, און עס שטייט אין זוהר הק' (ויקרא דף ט) א מעשה פון א עשיר וואס האט געברענגט פאר זיין קרבן עולה שְׁתֵּי יוֹנִים, זאגט אים דער כהן אנשולדיג דאס איז נישט פאר א עושר! קומט ער אהיים א צובראכענער, און מען זאגט אים אז שְׁתֵּי יוֹנִים איז נאר פאר א דַל, און דו דארפסט ברענגען א שור, זאגט ער אויב פאר א שלעכטע מחשבה דארף ער ברענגען אזא טייערן קרבן, מאך איך א נדר אז פון יעצט וועל איך אכטונג געבן אויף מיינע מחשבות, און האט זיך פארגענומען אז ער וועט מאכן זיינע געשעפטן בייטאג און נאכדעם זיך אפרוהען און אויפשטיין און צוזאמען נעמען מענטשן און מען וועט לערנען ביז עס וועט ווערן טאג, און האט אזוי געטאן און מען האט אים געגעבן א נאמען יְהוּדָה אַחֵר, ווייל ער איז געווארן א אנדערער מענטש עיי"ש. זעהט מען דער כח פון זיין עולה, קודש: וואס האט געהייליגט דעם יְהוּדָה, און קדשים אויך געהייליגט אנדערע מיט לערנען מיט זיי. (שמח זבולון תשע"ח)

**א מלאך טוב וועט היטן דעם מענטש א גאנץ יאר**

לֹא תֵאָפֶה חָמֵץ חֶלְקָם נָתַתִּי אֹתָהּ מֵאִשָּׁי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא: (ו' י') שטייט אין ספה"ק אור לשמים פון ר' מאיר'ל מאפטא זצוק"ל, אז עס שטייט אין באר היטב (או"ח סי' תמ"ז) פון כתבי האריז"ל הנזהר ממשהו חמץ בפסח מובטח לו שלא יחטא כל השנה, דער וואס גיט אכטונג אויף חמץ בפסח, איז ער פארזיכערט ער וועט נישט זינדיגן א גאנץ יאר. יעצט א מענטש דארף טאן וואס ער קען כדי זיך אכטונג צוגעבן פון חמץ אין פסח, און דער אויבערשטער וועט אים שיקן א מלאך וואס וועט אים היטן, דאס מיינט, לֹא תֵאָפֶה חָמֵץ חֶלְקָם, מען זאל אכטונג געבן אויף חמץ. – חֶלְקָם – פון זייער חלק – זייער זייט–, דעמאלטס, נָתַתִּי אֹתָהּ מֵאִשָּׁי, וועל איך שיקן מלאכים דיר צו היטן, מֵאִשָּׁי, מיינט מען די מענטשן פון אויבערשטן, דאס זענען די מלאכים, עכ"ד אור לשמים, קען מען צולייגן צו דעם א שיינע ראיה, ווייל חז"ל זאגן (אבות פ"ד מ"א) הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת, קוֹנֶה לוֹ פְּרַקְלִיט אֶחָד. דורך א מצוה ווערט געבוירן א גוטע מלאך. און עס שטייט וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־הַמַּצּוֹת, עס איז א מִצְוַת עֲשֵׂה פון היטן די מַצּוֹת, און דורך היטן די מַצּוֹת וועט געבוירן ווערן א מלאך טוב וואס וועט היטן דעם מענטש. וואס דאס שטימט מיטן נָתַתִּי אֹתָהּ "מֵאִשָּׁי", א מלאך וואס איז געבוירן פון די מצוה, וואס וועט דיר היטן. (שמח זבולון)

**דער ענין פון בגדי לבן פון משה**

וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֹתָם מֵעַל כַּפֵּיהֶם וַיַּקְטֵר הַמִּזְבֵּחָה: (ח כה) זאגט רש"י משה שימש כל שבעת ימי המלואים בחלוק לבן, אז משה האט געטראגן ווייסע בגדים די שבעת ימי המילואים און דער מקור איז א גמ' (עו"ז דף יד ע"א) רבי עקיבא איז געקומען אין שטאט גינזק האט מען אים געפרעגט דריי שאלות: אויב מען פַאסט אפאר שעה – תענית שעות– צו דארף מען זאגן תפילת עננו? און אויב א גוֹי האט גענוצט א קריגל א קורצע צייט צו מען מעג דאס נוצן? און די דריטע שאלה וואס פארא בגדים האט משה געטראגן ביי שבעת ימי המילואים? און רבי עקיבא האט נישט געוואוסט! און די הלכה איז אז מען פַאסט אפאר שעה הייסט דאס א תענית, און קריגלען פון א גוי זענען אסור י"ב חודש און משה האט משמש געווען מיט בגד לבן. און די מפרשים פרעגן וואס איז די שייכות פון די דריי שאלות? נאר מען קען ענטפערן אז ביי משה ווייל די עבודה איז נאר געווען אויף א קורצע צייט, זיבן טעג, וואלט איך געמינט אז מען דארף נישט ספעציעלע בגדים, ברענגט מען די אנדערע הלכות פון פאסטן אפאר שעה און נוצן א כלי אפאר שעה איז דאס א חשיבות, דעריבער איז א עבודה פון שבעת ימי המילואים חשוב, און מען האט געדארפט בגדי לבן. אבער נאך אלעס וואס איז אונז א נפקא לדורות אז משה איז געגאנגען מיט בגדי לבן? נאר דאס איז מרמז אז א בעל ברית זאל אויך אנטאן בגדי לבן, אמאל איז א יליד מאטטערסדארף געפארן צום הייליגן בעלזא רב דער מהרי"ד, ר' ישכר דוב זצוק"ל, און דער בעלזא רב האט אים געפרעגט צו איז דאס אמת אז אין שטאט מאטטערסדארף פירט מען זיך אז דער בעל ברית און סנדק גייען אנגעטאן מיט בגדי לבן? האט דער איד געענטפערט, יא! האט אים דער רב געפרעגט דעם טעם, און ווען ער האט נישט געוואוסט האט אים דער רב געזאגט דעם טעם: ווייל דער אבי הבן און סנדק און דער מוהל זענען אין די בחינה פון מקריבי קרבן [עיין בית ישראל השלם חלק ראשון דף רמח] דעריבער גייען זיי אנגעטאן בגדי לבן אזוי ווי משה רבינו וואס האט משמש געווען שבעת ימי המלואים בבגד לבן. (בית ישראל השלם למוח"ז אדמו"ר ממאטטערסדארף)

## מדור העובדות

### דער אויבערשטער האט אריינגעגעבן א אינטרעסאנטן פסק פארן שופט צו ראטעווען א ערליכן איד

אין שטאט קאלאמייא האט געוואוינט א גאר דערהויבענע חסידישע איד מיטן נאמען הר' לייב'לע אייפערמאן זיע"א וואס איז געווען א גרויסער עושר און בעל צדקה. ער האט געהאט א גאר גרויסע געשעפט -א סופר מארקעט- וואס האט פארקויפט טויזנטער זאכן און מען איז געקומען פון נאנט און ווייט דארטן איינקויפן. ר' לייב'לע פלעגט לערנען א סאך שעות פון טאג און געטאן אסאך חסד און געלאזט די געשעפט זאל זיך פירן דורך זיין ווייב און קינדער און אלע משפחות האבן געצויגן שיין פרנסה פון דעם געשעפט. ר' לייב'לע האט דאך געוואלט יוצא זיין די משנה פון טוב תורה עם דרך ארץ, האט ער געהאט א שענק אין ווינקל פון געשעפט וואס איז געווען אפען נאר איין שעה אין טאג און אלע האבן געוואוסט אז נאר ר' לייב'לע פארקויפט זיינע בראנפען און נישט קיין אנדערער פון די משפחה, און ווען ר' לייב'לע איז נישטא אין געשעפט איז פארמאכט דער שענק. דער שענק איז געווען כולו לשם שמים און אלע

הכנסות פון די בראנפען איז געווען אויף צו טיילן פאר א געוויסע צדקה צוועק וואס נאר ר' לייב'לע האט געוואוסט.

און ווען עס האט זיך געמאכט א שיכור וואס דארף א גלעזל און ר' לייב'לע איז נישט געווען, האט גארנישט געהאלפן וואס דער קונה וויל א טרינק ווייל דער שענק איז פארמאכט ווען ר' לייב'לע איז נישטא, און בפרט אז נאר ער האט פארשטאנען צו דעם און קיין אנדערע נישט. דער געשעפט איז געווען אפען מוצאי שבת. איין מוצאי שבת איז אריינגעקומען אין געשעפט א גאר פראסטער איד פון קאלאמייא, געהייסן חיים פוש, ער איז געווען א גראבַיאן און א בַר אַלִים און קיינמאל נישט גענומען ניין פאר א ענטפער, חיים קומט אריין אין געשעפט און זאגט ער דארף יעצט א גרויסע גלאז פון בראנפען, און ווען מען זאגט אים אז דער בראנפען שענק איז פארמאכט ווייל דער בעל הבית איז נישטא, האט ער אנגעהויבן צו פארפירן און געסטראשעט ביז ר' לייב'לע'ס טאכטער האט געזאגט אז זיי איז נישט אזוי באקאנט צו מישן די בראנפען'ס אבער אויב ער איז מסכים וועט זי פראבירן אים אויסמישן א טרונק.

חיים זאגט ער חלש'ט פאר א גלעזל יעצט און זי זאל פרובירן, און די טאכטער האט טאקע נישט געוואוסט וואס צו טאן און בטעות האט זי גענומען פון די פַאס וואס איז געווען אין דעם ריינונג מאטריאל -חומר ניקוי- צו ריינינגן די געשעפט, וואס איז געווען געמישט מיט סַם, און זי דערלאנגט פאר חיים וואס קען שוין נישט ווארטן און שנעל זויפט ער אויף די גרויסע גלאז און ביז אפאר מינוט האט דאס שוין געווירקט אויף חיים און איז געווארן בלאס און געבראכן און געהאט גרויסע שמערצן אין בויך פון די ריינונג מאטריאל. מען האט שנעל געברענגט א דאקטער וואס האט געפרעגט וועלכע סַם האט מען געגעבן צו טרינקען פאר חיים און אזוי האט ער באהאנדעלט חיים און ארויס גענומען פון א סכנה אבער דער דאקטאר האט געהייסן חיים זאל אריינגיין אין בעט אויף צוויי וואכן און דער דאקטאר וועט אים אזוי באהאנדלען און ער וועט פאלקאם זיין געזונט.

די משפחה פון ר' לייב'לע האבן זיך זייער דערשראקן ווייל חיים וועט זיכער זיי אנקלאגן אין משפט און אפשר וועט דער שופט פסקנ'ען אז די טאכטער וואס האט געגעבן די סם זאל ח"ו מוזן זיצן אין תפיסה! האט די ווייב פון לייב'לע גענומען א אדוואקאט זאל פרובירן צו פארהאנדלן מיט חיים אז עס איז געווען א טעות און חלילה נישט געווען מיט כוונה און מען וועט אים באצאלן פאר זיין פיין און לייד, דער עיקר ער זאל זיי נישט אנקלאגן. דער אדוואקאט איז געגאנגען באזוכן חיים יעדן טאג און געווארט ביז חיים וועט שוין זיין אין די ריכטיגע כוחות און ווען חיים איז געקומען צו זיך האט דער אדוואקאט אנגעהויבן רעדן מיט חיים און אנטראגן א געלט פשרה פאר זייןליידן. צום וואונדער פון אדוואקאט איז געווען, אז חיים האט געמאלדן, אז ער וועט מְוַתֵר זיין אויף צו מאכן א משפט, אויב ר' לייב'לע וועט אים באזוכן און קומען ביי אים זיך איבערבעטן.

ווען דער אדוואקאט האט איבערגעגעבן די תשובה פון חיים האט די משפחה געבעטן ר' לייב'לע זאל גיין איבערבעטן חיים ביי אים אין שטוב, אבער ר' לייב'לע איז געווען א דערהויבענע איד און געענטפערט ער וועט נישט אריינגיין אין שטוב פון חיים וואס איז פול מיט טומאה און אוודאי נישט אנקוקן די פנים פון א רשע! וויפיל מען האט געבעטן פאר ר' לייב'לע ער זאל גיין צו חיים אפילו עס איז נישט אויסגעהאלטן אבער א משפט וועט זיין ערגער פאר זיי און פארוואס זאל ער נישט מרחם זיין אויף זיין טאכטער? האט ר' לייב'לע געטראכט א שטיק צייט און גענומען שטאלץ און געזאגט: ער האט נישט מורא פון חיים און אפילו ער וועט זיי רופן צום משפט האט ער אמונה און בטחון אז דער אויבערשטער וועט זיי היטן אין זכות פון די געלט פון צדקה וואס גייט ארויס פון דעם שענק און דער אויבערשטער וועט ווייזן וואונדער.

נו! אז ר' לייב'לע איז נישט געקומען האט חיים אריינגעגעבן זיין קלאגע אין בית המשפט און געשטעלט א צייט פארן משפט. דער טאג איז אנגעקומען און דער תובע זאגט פארן שופט וואס איז געווען און די נאכלעסיקייט פון די טאכטער פון ר' לייב'לע וואס האט קראנק געמאכט חיים און ער האט געהאט אויך גרויסע געלט שאדנ'ס ווייל ער האט אפאר וואכן נישט געקענט ארבעטן.

דער שופט הערט די טענה פון תובע, און דער שופט פרעגט דעם אדוואקאט וואס האט ער צו פארטיידיקן דא? האט ער געענטפערט אז דער שענק איז געווען פארמאכט און חיים האט געסטראשעט די טאכטער פון ר' לייב'לע אז זי מוז אים געבן צו טרינקען און זי האט בפירוש געזאגט אז זי קען נישט מישן א גוטן טרינק און חיים האט צודעם מסכים געווען איז ער גאר שולדיג! דער שופט האט געהערט ביידע צדדים און זיך אנגערופן אז עס איז א שווערע משפט און ער מוז אריינגיין ביי אים אין צימער זיך דורך טראכטן. דערווייל שיקט דער שופט זיינע וועכטער רופן ביי אים אפאר פון די חשוב'ע אידן פון קאלאמייא זאלן שוין קומען צום שופט ביי אים אין צימער אויף א וויכטיגע אסיפה. ווען די אידן זענען געקומען האט דער שופט זיי ווארעם אויפגענומען און דערציילט וועגן די משפט קעגן ר' לייב'לע, אבער עס איז א שווערע פסק ווייל אפילו באמת איז די טאכטער גערעכט מוז א שופט האבן א סברא צו זיין פסק ווייל אויב נישט וועט מען זאגן אז מען האט געגעבן שוחד פארן שופט!

די חשוב'ע אידן האבן זיך צוזאמען גערעדט און געקומען צום שופט אז זיי האבן א שטארקע טענה וואס וועט העלפן ר' לייב'לע. דער שופט הייסט איינער זאגן און ער הויבט אן: ביי אידן איז דער מנהג אז מען טרינקט א ביסל פון די גלעזל בראנפען און מען זאגט לחיים און נאכן ווינטשן לחיים טרינקט מען אוים די גאנצע כוס. אבער דער חיים, אנשטאט צו טרינקען א ביסל און זאגן לחיים וואס דעמאלטס וואלט ער גלייך געשפירט אז עס איז נישט בראנפען, און ער האט זיך נישט געפירט ווי דער אידישן מנהג איז, און האט געטרונקען אין איין מאל די גאנצע גלאז, איז דאס נישט קיין אידישע מנהג. דער שופט האט גוט פארשטאנען זייער סברא און האט די חשובים אהיים געשיקט. דער שופט קומט צוריק אריין אין בית המשפט און אלע שטעלן זיך אויף. דער שופט הייסט עס זאל ווערן שטיל און געזאגט עס קומט אים אויס אז ר' לייב'לע איז נישט שולדיג און גאר חיים האט זיך אליין אנגעמאכט זיין צרה, און דער שופט פירט אוים אז קאלאמייא איז א אידישע שטאט און אלע אידן ווייסן אז מען טרינקט לחיים אויף בראנפען ווען מען טרינקט פריערט א ביסל און נאכדעם ענדיגט מען די גאנצע כוס און חיים האט זיך נישט געפירט ווי א איד פירט זיך, ממילא איז ר' לייב'לע זכאי פון דעם משפט. אלעם איז געווען אין זכות פון זיין הייליגקייט און די צדקות פון ר' לייב'לע, האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן א אינטרעסאנטן פסק פארן שופט. (פניני החסידות מהרה"ח ר' אליעזר דוד פרידמן שליט"א)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת 0 $250, 100 היתר נישואין נאך די שואה תש"ו מיט חתימת פון בי"ד, אסאך היסטאריה פון די משפחות $15000 הונדערטער הגדות וואס זענען נישט בנמצא צו באקומען אלעם מסודר

דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*